**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/21/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 234 מיליאן דאלאר אין צוגעגעבענע עסנווארג הילף פאר אקטאבער**

***אלע פאמיליעס וועלכע באקומען SNAP וועלן באקומען די מאקסימום עסן בענעפיטן פאר אקטאבער***

***סופלעמענטאלע עסנווארג בענעפיטן ערווארטעט ווייטער אנצוהאלטן ביז נאך פעברואר***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אנאנסירט אז אלע ניו יארקער וועלכע זענען איינגעשריבן אין דעם 'סופּלעמענטעל נוּטרישען הילף פראגראם' וועלן באקומען די מאקסימום ערלויבטע סומע אין עסן בענעפיטן פאר אקטאבער. אלע הויזגעזינדער וועלכע באקומען SNAP – אריינגערעכנט די וועלכע באקומען שוין יעצט די מאקסימום סומע בענעפיטן – וועלן באקומען א צוגעלייגטע סכום דעם חודש, און אלס רעזולטאט וועט אריינפליסן בערך 234 מיליאן דאלער פעדעראלע געלטער אין דער ניו יארק סטעיט עקאנאמיע.

״די עמערדזשענסי צוגעגעבענע בענעפיטן זענען געווען העכסט-נייטיג צו אונזערע באמיאונגען צו באקעמפן עסנווארג-נויט דורך העלפן אנגעשטרענגטע ניו יארקער צו שפייזן זיך און זייערע פאמיליעס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״קיין שום ניו יארקער זאל זיך נישט דארפן מוטשען אויף זיך אן עצה צו געבן וויאזוי צו לייגן עסן אויפ׳ן טיש, און די 234 מיליאן דאלער אין צוגעגעבענע SNAP געלטער וועלן צושטעלן העכסט-נייטיגע פארלייכטערונג און שטיצע פאר אונזערע מערסט באדערפטיגע קאמיוניטיס.״

דער עמערדזשענסי הילף צוגאב ווערט צוגעשטעלט פאר אלע הויזגעזינדער, אריינגערעכנט די וועלכע באקומען שוין געוועגליך די מאקסימום ערלויבטע בענעפיטן פער חודש פון SNAP, א פעדעראל-פינאנצירטן פראגראם וואס ווערט אנגעפירט דורכ׳ן סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף (OTDA). הויזגעזינדער וועלכע באקומען שוין נאענט צו דער מאקסימום בענעפיט סומע — 939 דאלער פאר א הויזגעזינד מיט פיר מיטגלידער — וועלן באקומען א צוגעגעבענע סומע פון וויניגסטנס 95 דאלער.

SNAP פאמיליעס אין אלע קאונטיס אויסער ניו יארק סיטי קענען ערווארטן צו זען די עקסטערע בענעפיטן אריינקומען ביז היינט, אקטאבער 21. יענע SNAP הויזגעזינדער אין דעם פינף-קאונטי ניו יארק סיטי ראיאן דארפן זען זייערע בענעפיטן אריינקומען צווישן מאנטאג, אקטאבער 24 און דאנערשטאג, אקטאבער 28.

OTDA האט אנגעהויבן ארויסצוגעבן די עמערדזשענסי בענעפיט צוגאב אין אפריל 2020 צו אזעלכע SNAP הויזגעזינדער וועלכע באקומען ווייניגער ווי די מאקסימום חודש׳ליכע בענעפיט סומע. ווען ניו יארק סטעיט׳ס עמערדזשענסי דעקלעראציע איז אפגעלאפן אין יוני 2021, האט דער אגענטור ערפאלגרייך געארבעט מיט דער פעדעראלער רעגירונג צו פארשאפן די מאקסימום באשטימטע סומע

פאר אלע SNAP הויזגעזינדער ביז עס וועט אפלויפן די פעדעראלע דעקלעראציע פון א פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי, וואס איז אויסגעצויגן געווארן ביז יאנואר און וועט ערמעגליכן פאר OTDA ווייטער ארויסצוגעבן די בענעפיטן ביז נאך פעברואר.

ניו יארקער זענען נאך אלץ שטארק אנגעוויזן אויף SNAP דעם זומער, מיט איבער 1.6 מיליאן הויזגעזינדער, ארייננגערעכנט איבער 2.8 מיליאן ניו יארקער, לענגאויס דעם סטעיט איינגעשריבן אין דעם פראגראם אין אויגוסט. אין דער צייט וואס SNAP באקומער איבער'ן סטעיט זענען געבליבן פארהאלטנסמעסיג פלאך אין פארגלייך מיט יולי, זענען זיי געשטיגן 3.5 פראצענט דורכאויס אויגוסט 2021, ארויסהייבנדיג די אנגייענדע פארלאנג פאר די קריטיש-וויכטיגע בענעפיטן.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ,** ״מיר אנערקענען אז פילע ניו יארקער זעען פאר זיך ווייטער שוועריגקייטן און אז עס איז ספעציעל שווער פאר די וועלכע האבן זיך שוין פון פריער געמוטשעט צו שפייזן זיך און זייערע פאמיליעס. די צוגעגעבענע הילף שטעלט צו הערכסט-נייטיגע פארלייכטערונג און העלפט הונדערטער טויזנטער יחידים און פאמיליעס לייגן געזונטע, ערנערנדע עסנווארג אויפ'ן טיש.״

SNAP שפילט א וויכטיגע ראלע אין ניו יארק'ס אנגייענדע עקאנאמישע ערהוילונג, און עס האט ארייננגעגאסן איבער 2 ביליאן דאלער אין דער סטעיט'ס עקאנאמיע זינט יאנואר. יעדער פעדעראלע דאלער אינוועסטירט דורך SNAP שאפט ביז 1.54 דאלער אין עקאנאמישע אקטיוויטעט, לויט א [פעדעראלע שטודיע](#) וואס האט אויסגערעכנט די איינפלוס פון SNAP אויף דער אמעריקאנער עקאנאמיע.

די צוגעגעבענע בענעפיטן זענען אויך א קריטיש-וויכטיגן לעבנס-מיטל פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער, וויבאלד ארום 14 פראצענט פונעם סטעיט׳ס באפעלקערונג האבן זיך פארלאזט אויף SNAP בענעפיטן פאראיאר לויט [א לעצטערע שטודיע](#). איבער האלב געשאנקענע הויזגעזינדער זענען געווען פאמיליעס מיט קינדער און ארום 48 פראצענט האבן ארייננגערעכנט אן ערוואקסענער איבער 55 אדער עמיצער מיט אן אומפעאיגקייט.

אזוי ווי אין פריערדיגע חודשים, וועלן די באצאלונגען געשיקט ווערן דירעקט צו די עקזיסטירנדע עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער (EBT) אקאונטס און קענען ארויסגענומען ווערן מיט זייערע עקזיסטירנדע EBT קארטלעך. פונקט ווי די געווענטליכע SNAP בענעפיטן, וועלן די צוגעלייגטע בענעפיטן קענען גענוצט ווערן צו קויפן עסן ביי אויטאריזירטע ריטעיל עסן געשעפטן. סיי וועלכע נישט אויסגעניצטע SNAP בענעפיטן וועלן אויטאמאטיש אריבערגעפירט ווערן צו דעם פאלגנדן חודש.

געפונט מער אינפארמאציע איבער די עמערדזשענסי צוגעגעבענע SNAP בענעפיטן, ארייננגערעכנט ענטפערס צו אפט געפרעגטע פראגעס, [דא](#). ניו יארקער פאראינטערעסירט אין זיך איינשרייבן קענען נאכקוקן זייער SNAP בארעכטיגקייט, ווי אויך זיך ווענדן אָנליין, דורך גיין צו [mybenefits.ny.gov](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418